Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 20 גראשען — היינט 8 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

Nr. 242 | Łódź, Czwartek 17 października 1929 r. | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז דאנערשטאג, יג תשרי תר"צ | № 242

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטר' אוהער 21, טעל. 24-71

# די גענעז-אקציע פון ב. ב.

## אויף דער טעטיגקייט פון דער אפאזיציע

ווארשא, 16 (טעלעפאניש). היינט פארמיטאג איז אין דער וואוינונג פון פולקאווניק סלאוועק פארגעקומען א זיצונג פון רעגירונגס בלאק.

אויפ'ן טאג-ארדנונג האבען זיך געפונען פאליטישע פראגען, אין צוזאמענהאנג מיט דער געשאפענער לאגע און מיט דער נאהענטער סיים-סעסיע.

די פלענאר-זיצונג פון קלוב קומט פאר דאנערשטאג (היינט) 11 א זייגער פארמיטאג אין סיים. דעם פאליטישען רעפעראט אויף דער פלענאר-זיצונג וועט האלטען פולקאווניק סלאוועק. ס'וועט אויך צוגעגרעדט ווערען די טאקטיק פון דער האנדלונג פון קלוב אויף דער נאהענטער בודזשעט-סעסיע.

היינט אין אוועגד וועט דער פרעמיער שווי-טאלסקי אויפנעהמען די דעפוטאטען און סענאטארען פון איינסעל-קלוב מיט א טיי.

### „וויזוואלעניע" וועט אריינטראגען אנ'אונצוטרוי-וואטום פאר דער רעגירונג

ווארשא, 16 (טעלעפאניש). היינט איז פארגעקומען א פלענארע זיצונג פון פארלאמענטארישען קלוב פון „וויזוואלעניע". ס'איז איינשטימיג בעשלאסען געווארען ביים אנהויב פון דער סיים-סעסיע אריינצוטראגען צוזאמען מיט אלע דעמאקראטישע סיים-גרופירונגען א פארשלאג וועגען אומצוטרוי פאר דער רעגירונג.

### בעגייט דעם האלסמאן-פראצעס

אינסבורק, 16 (אטצ) דער פראצעס געגען יודישען סטודענט האלסמאן ווערט היינט ווידער בעגייט.

### מאסענהאפטע רעוויזיעס און ארעסטען

#### צווישען דייטשע סקויטען-אנפיהרער אין פוילען

ראנציג 16 (ספ. טעל.) די טעלעגראפען-אגענטור „טעל-אוניאן" מעלדעט: דינסטאג 4 א זייגער נאכמיטאג האט די פאליציי אדורכגעפיהרט א רעוויזיע אין ביורא פון די דייטשע סיים-דעפוטאטען אין בידגאשטש. עס זענען צוגענומען געווארען פיל דאקומענטען, און דער לאקאל איז פערחתמעט געווארען. ס'איז אויך פארגעקומען א רעוויזיע אין דער פריוואט-וואוינונג פון דייטשען רעדאקטאר גרעבע און פון לייטער פון סיים-ביורא היירעלק. היירעלק איז ארעסטירט געווארען.

אויך אין דייטשען לאנדווירטשאפטליכען פעראיין אין טארן איז פארגעקומען א גענויע רעוויזיע. אין פויזען איז ארעסטירט געווארען דער פיהרער פון דעם דייטשען סקויטען-פעראיין אין פוילען ד"ר בורכארדט.

ווארשא, 16 (טעלעפאניש). די ציימונג „א.ב.צ." מעלדעט, או די רעוויזיעס און ארעסטען אין בידגאשטש, פויזען און טארן שטעהען אין צוזאמענהאנג מיט דער ארבייט פון די דייטשע סקויטען, וועלכע זענען געשטאנען אין פערשטענדיגונג מיט דייטשלאנד, האבען זיך מיליטעריש אויסגעשולט אין דייטשלאנד און בעקומען פון דארט געלד.

### אראבישער קאנגרעס — סוף אקטאבער

ירושלים, 16 (י.ט.א.) די אראבישע עקזעקוטיווע האט בעשלאסען צונויפצורופען דעם אראבישען קאנגרעס אויפ'ן סוף פון היינטיגען חודש. צום קאנגרעס זענען איינגעלאדען געווארען אויך אראבער אויסער פאלעסטינא.




# מענער-היטע

אין די נייעסטע פאסאנען און קאלירען, בעסטע קוואליטעט

עמפפעהלט

מ. קאפעלושניק, נור קאנסטאנטינער 8

---

די בעוואוסטע יודישע

שאקאלאדע-פאבריק אין לאדז

„ZŁOTY RAJ"

אינהאבער: ש. האלפערן. פערקויפס-שטעלען: וושכאדניא 50, צעגעלניאנא 26 און זאוואדזקא 11.

עמפפעהלט אויף די יום-טובים א רייכען אויסוואהל פון שאקאלאד, קארמעלען-שאקאלאד און אוואצאווע.

---

## בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט דעם געעהרטען פובליקום, או צום איצטיגען ווינטער-סעזאן, אנהויבענדיג פון 20-טען ד. ח. ווערט אין מיין

## קאפע-רעסטאראן „Piccadilly"

זאוואדזקא 1, טעל. 3-40

איינגעארדענט יעדען שבת, זונטאג און יום-טובים FIVE O'CLOCKI (5 אוהר-טעה) מיט'ן אנטייל פון ערשטקלאסיגען קווארטעט.

ביים קלאוויר: פר' לובא שווארצבערג. אויך יעדען אווענד קאנצערט.

בעמערקונג: ס'ווערען אנגענומען בעשטעלונגען אויף חתונות, בעלער און באנקעטען.

מיט אכטונג CAFE RESTAURANT

„PICCADYLLI", Zawadzka 1, tel. 3-40.

---

# אתרוגים

מובחרים

## לולבים והדסים

במקח השוה על הורט ועגצעל

אגראדאווא 2 אין הויף

„פאנטופליס".

---

## ביליג סוכות

אויף אפצוהאלטען און צו פערקויפען

ווי אויך סכך-ברעטלעך און ברעטער

אויפ'ן פוד ביליג צו בעקומען

פאלנאצנא 17, אין האלץ-סקלאד

געדענקט די אדרעס!

---

# אתרוגים

## מובחרים לולבים והדסים

במקח השוה אין הורט און ענצעל

שוין צו בעקומען ביי

# עמנואל קאפעלוש

פלאץ וואלנאשטשי 10 (נייע שטאט).

---

## א גמר חתימה טובה

ווינשען מיר אונזערע שוועסטער און שוועגערס-קינדער, אלע אונזערע פריינד און בעקאנטע, ווי אויך די רעדאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט".

לודז, שנת תר"צ — פאמיליע ראמין.

---

# 8-ונג „בית-לחם"

וושכאדניא 68/70

מען בעט זעהר די אלע פערזאנען, וואס האבען זיך איינגעשריבען אויף

## צו בעקומען פראדוקטען אויף יום-טוב

צו קומען אפנעהמען די פראדוקטען היינט פון 6 ביז 11 אין אווענד.

די פערוואלטונג

---

# אתרוגים — מובחרים

## לולבים והדסים מהודרים

געבראכט דירעקט פון טריעסט איז אנגעקומען אין א גרויסען אויסוואהל אין הורט און ענצעל, ווי אויך א קליינע צאהל

## ארץ-ישראל (יפו) אתרוגים

צו בעקומען ביי יאבלאנסקי, וושכאדניא 18, ביי יאנאווסקי, וושכאדניא 6, און אויף נאוואמיעסקא 8 אין פראנט-געוועלב.

---

## דער ליבסטער גאסט

אין דער סוכה איז



# „כרמל" ווין

אויף דיין יום-טוב-טיש

